בלומינגראוו
שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות
פ' שמות תשפ"א
Vol. 21-A
United Jewish Community of Blooming Grove
Est. 2019

**זמנים**

**שמות**

הדלקת הנרות
**4:30**

סו"ז קריאת שמע
**9:07**

זמן מוצש"ק
**5:59**

מברכים
חודש שבט

## עדיטאריעל

# "אונזער שטימע": צוריק מיט א התחדשות!

ברוכים אתם לה' האַרציגע ברודער, גוטע שכינים און ידידים, תושבי עירינו המעטירה שיחי'!

ס'איז אונז א זכות, אַן עהרע און אַ פריוועליגיע, נאכאמאל זיך צו באגריסן, ווידעראמאל זיך צו דורכשמועסן און ווידעראמאל צו ערשיינען רעגלסמעסיג מיט אונזער/ אייער "שטימע" אויסגאבע. די אינפארמאטיווע, ברודערליכע פלאטפארמע פון אונזער באליבטע שטאט, בלומינגראוו, וואָס בליעט מיט אזא שיינקייט און שטאלץ, אין אַלע הינזיכטן און אַספעקטען, לשם ולתפארת ולתהלה.

אייגנטליך איז שוין פאראיבער א ווייל, זינט עס איז ערשינען די לעצטע "בלומינגראוו שטימע" אויסגאבע, און ב"ה צוליב גוטע סיבות... **די פארצווייגטע אקטיוועטעטן פאר'ן כלל און פאר'ן פרט, די אקטיווע פעולות טאג טעגליך אינערהאלב די ווילעדזש אדמיניסטראציע, און די אנגייענדע פילזייטיגע שריט אויף אלע געביטן לטובת תושבי העיר, אט דאס אלעס האט געפירט אז מען איז איינפאך נישט אנגעקומען זיך צו אפגעבן מיט זייטיגע – הגם וויכטיגע – זאכן, אין א צייט וואס די גאנצע ענערגיע, צייט, געלט און כח ווערט אינוועסטירט אין ווייטגרייכענדע פעולות לטובה וואס וועלן זיך נאך שפירן פאר לאנגע יארן בעז"ה.**

★ ★ ★

ווירקליך, זינט די געבענטשטע טויש וואס איז אנטשטאנען דעם אנהויב יאר אין דער ווילעדזש ווירטשאפט - אדאנק די הארציגע און געמיינזאמע אחדות פון כלל תושבי עירינו – גייט פשוט נישט פאראיבער קיין טאג וואס עס ווירבלט נישט מיט העפטיגע אקטיוועטעטן, די געטרייע עוסקים בצרכי ציבור זענען פארטון אין דער עבודת הקודש, והיו לנו הלילה משמר והיום מלאכה, מיט גרעסערע און קלענערע זיצונגען, מיט לעגאלע און פאליטישע אינטערוועניץ, און מיט טעכנישע שריט אויף אלע פראנטן.

פארט אבער איז שוין אַ שטיקל צייט וואָס מען הערט יא א פאדערונג און א פארלאנג צווישן אחים לדעה תושבי העיר, וועלכע דרוקן אויס זייער באגער צו הערן און זעהן די שיינע גריסן פון אונזער שטאט. **אידן ווילן מיטהאלטן מהנעשה והנשמע, וואס עס שפילט זיך אפ אין די קארידארן פונעם ווילעדזש, מען וויל באגלייטן די אנטוויקלונגען וואס פראגרעסירט דורך די "יו. דזשעי. סי.", און מען וויל האבן א נענטערן בליק און פארשטאנד אויף די פארשריט אין אלע הינזיכטן.**

**און גערעכט זענט איר, טייערע אידן.**

בנוהג שבעולם, אין דער וועלט פון ביזנעס איז איינגעפירט, אז יעדע שטיקל צייט, זעצן זיך די שותפים אוועק פאר אַן איבערזיכט, מען גייט אריבער אן אנאליז און מען קוקט זיך אום אויף די אנטוויקלונגען אין די לעצטע תקופה. די שותפים באטראכטן מיט א ניכטערן בליק דעם כלליות'דיגן און פרטיות'דיגן הלך-ילך פון די פירמע אדער געשעפט, אירע פארדינסטן אדער פארלוסטן, און מען איז דן בכובד ראש איבער איר הוה געגוי ווי איר עתיד.

אויב איז דער פארשטענדליכער כלל גילטיג אלס סאמע-ערשטע יסוד אין פריוואטע געשעפטן, איז דאך עס פילפאכיג אזוי ווען עס קומט צו באטראכטן דעם ליכטיגן צוקונפט פון אונזער באליבטע שטאט, וואו מיר אלע, שכינים וידידים, זענען אויך גלייכע "שותפים", מיט דעם זעלבן ציל און מטרה, צו לעבן דא על מי מנוחות, צו מגדל זיין דא אונזערע לעכטיגע קינדערלעך און צו וואוינען מיט הרחבת הדעת און מנוחת הנפש.

די עוסקים בצרכי ציבור באמונה, די ערוויילטע "יו. דזשעי. סי." עסקני הכלל, זענען דאך בלויז גלייכע, אייניגע שותפים, אינאיינעם מיט אונז אלע תושבי העיר, בעצה אחת ובדעה אחת. און אלס אזוי איז דעריבער נישט מער ווי פאסיג און ריכטיג צו מיטטיילן כסדר מיט'ן ציבור אנגייענדע רעפעראטן מיט נייעס, באריכטן און ערקלערונגען מהנעשה והנשמע. אז מיר אלע זאלן איבערבליקן און הערן איבער די שתדלנות ועסקנות וואס עס שפילט זיך אפ אויף א טאג טעגליכן באזיס, פאר די וואוילזיין און אינטערעסע פון יעדן יחיד מתושבי עירינו.

★ ★ ★

דבר בעתו מה טוב. **אין די יעצטיגע טעג ווערט אייגנטליך אפגעצייכנט א גאנץ קיילעכיג יאר, זינט די ערשיינונג פון אונזער ערשטע "שטימע" אויסגאבע,** מיט געגוי א יאר צוריק, חודש טבת שנת תש"פ. וואס האט זינט דאן ב"ה געשאפן היסטאריע און געטוישט די מאפע פון די היימישע בלומינגראוו צום גוטן, כה יתן ה' וכה יוסיף.

שטייענדיג אין אזא צייט וואלט געווען העכסט אינטערסאנט צו ציטירן געציילטע פאראגראפן פון דעם "פאָרווארט", וואס איז בשעתו געדרוקט געווארן אין דעם ערשטן "שטימע" אויסגאבע, וואו עס איז אין געמאסטענע ווערטער געשילדערט געווארן די צילן און מטרה פון די דאן - פרישע ארגאניזאציע, די "יו. דזשעי. סי.", און איר וויזיע אויפ'ן עתיד:

"תושבי עירינו האבן זיך צונויף גענומען כאיש אחד בלב אחד צו שאפן א 'באורד', א קאמיטע, א וועד, צונויפגעשטעלט "פונעם ציבור – פאר'ן ציבור", יונגעלייט תושבי העיר וועלכע זאלן רעפרעזענטירן די צרכי העיר,

אלס די עוסקים באמונה פארצושטעלן אונזערע פארלאנגען פאר די רעגירונג און בכלל צו פארמירן – און אנהאלטן – א פאראייניגטע פראנט אין אלעם וואס איז נוגע די קאלעקטיווע צרכי העיר ותושבי'.

"דער באורד איז געווארן אריינגעוועלט דורך רוב ציבור, און דאן געקריגן די גוטהייסונג פון די גדולי הרבנים שליט"א פון אלע קהלות קדושות דא אין שטאט. וכל דבר גדול וקטן, יעדע הינזיכט וואס פאדערט א דעת תורה ווערט מיט זיי דורכגערעדט, והן המה וואס זענען די מכריעים אין יעדע הלכה'דיגע און השקפה'דיגע הינזיכט וואס קומט אונטער אין די עבודת הקודש צו פארטרעטן די באדערפענישן פון תושבי וקהלות עירנו על פי התורה אשר יורוך.

"אין אט די אויסגאבע, וועלן די אנגייענדע אקטיווועטעטן קריגן די נויטיגע "שטימע", דער ציבור זאל מיטהאלטן "מהנעשה והנשמע", סיי וואס מ'האט שוין באוויזן דורכצופירן, סיי אנגייענדע פלענער און שתדלנות'ער און סיי אלגעמיינע פאזיטיווע אנטוויקלונגען מיט א באדייטנדן משמעות פאר די שטאט און אירע איינוואוינער.

"מיט אזא פעסטע, פאראייניגטע און דויערהאפטיגע 'שטימע' וועלן מיר ברצות ה' דערפאלגרייך זיין אינעם 'ועוד ידינו נטוי'", מיט די לאנגשטרעקיגע קאנקרעטע פלענער פארצובערייטן פאר אונז אלע, פאר אונז און אונזערע פאמיליעס, פאר אונז און פאר אונזערע קינדער, א פרעכטיגן עתיד פון הנאה און הרחבה, וואוקס און צופרידנהייט, בעזרת ה'.

בשעת די אויבנדערמאנטע שורות זענען געשריבן געווארן, איז גארנישט געווען פארזיכערט, בלומינגראווער אידן זענען געווען אסאך "יחידים" אָן קיין געהעריגער כח המאחד וואס זאל פארטרעטן די געברויכן פון יעדן אינדעווידואל. מען האט געליטן און נאכאמאל געליטן פון פיינטליכע באאמטע, און מען איז פאראיבער אומ'יושר'דיגע באהאנדלונגען אין יעדן אספעקט פון לעבן.

אודאי האט מען געהאפט, מען האט זיך פרובירט מחזק זיין, טראכטן פאזיטיוו, אז מיט'ן כח הרבים וועט מען זיכער עפעס לינדערן, עפעס פארלייכטערן די שוועריגקייטן, און כאטש טיילווייז זיך קענען אן עצה געבן מיט די אומשטענדן. מען האט געוואוסט אז דער כח פון א פאראייניגטע אחדות, דער כח פון גוט - ברידערשאפט, איז גרויס און מאכטפול, מען האט אבער נישט געוואוסט עד היכן הדברים מגיעים...

ווער האט דעמאלט גע'חלום'ט, ווער האט דעמאלט געגלייבט אין וויטסטן דמיון, אז בלויז איין יאר שפעטער, וועט מען שוין האבן דערגרייכט אזא אומגלויבליכע הצלחה, אזא סייעתא דשמיא ? ווען מען האט זיך אפילו געקענט דוכטן דעמאלט אז די אלעליידן און שיקאנירונגען דורך אונזערע ערוויילטע אינסטאנצן, וועלן מיט א יאר דערויף נישט זיין בלויז נאך א בייזע קאשמאר וואס מען פארציילט שוין היינט אלס טייל פון די היסטאריע ?

והעולה על כולנה, פאראיאר אין דער צייט, אויב האט פאסירט סיי וועלכע שוועריגקייט; מען האט זיך אנגעשטויסן אין לעגאלע פראבלעמען; מען האט זיך געמוטשעט מיט די באהערדע; מען האט געברויכט א לאקאלן "שאטל" צו קומען און גיין; מען האט ערהאלטן אן אומבארעכטיגטע "ווייעלעישאן", מען האט געהאט א פראבלעם מיט די טראנספארטאציע צו די מוסדות אין קרית יואל, א.א.וו. איז נישט גענוי צו וועמען זיך צו ווענדן. יעדער יחיד האט פרובירט דאס בעסטע לויט זיינע באגרעניצטע מעגליכקייטן אבער מען האט געטאפט א וואנט פון אומ'יושר און האס.

אבער בזכות פונעם ציבור שזכות אבותיו מסייעתן, בזכות פונעם כח האחדות וואס האט זיך אזוי הערליך ארויסגעוויזן דורכאויס די גאנצע תקופה, און אודאי בכוחו ובזכותו של אותו זקן, רבינו הק' מסאטמאר זי"ע, מייסד עירינו קרית יואל, שטייען מיר היינט נאך די נייע הערליכע עפאכע, אונטער א מלכות של חסד, א פריינטליכע ווילעדזש אדמיניסטראציע, וואס ארבעט האנט ביי האנט צו ארויסהעלפן יעדן יחיד און יעדן רבים, באגלייט מיט דעם פאראייניגטן כח העסקנות, די "יו. דזשעי. סי.", וואס איז אויסגעשטיגן אלס אן אפיציעלע וואונדערליכע קערפערשאפט צו העלפן תושבי העיר מיט אלע זייערע געברויכן, און אנפירן מיט אלע אנגעלעגנהייטן פון א אידישע שטאט לשם ולתפארת.

★ ★ ★

אמבעסטן קומט דאס טאקע צום אויסדרוק צווישן די בלעטער פון "אונזער שטימע". דעמאלט און היינט.

**עס געדענקט זיך גוט וויאזוי דער "שטימע" איז דאן בעיקר געווען געווידמעט אויף די פילזייטיגע תלאות, פלאָג און עגמת נפש, וואס תושבי העיר זענען פאראיבער. דאס גרעסטע טייל פון די נייעס, באריכטן און ארטיקלען זענען געווען געווידמעט צו באדויערן די לאגע, צו מטכס עצה זיין אינאיינעם מיט'ן ציבור, וויאזוי זיך צו ספראווען מיט אלע שוועריגקייטן.**

**אבער ב"ה אז אצינד איז "פנים חדשות באו לכאן". דער "שטימע" באקלאגט זיך שוין נישט, דער "שטימע" באדויערט שוין נישט... מען האלט שוין ביים קומענדיגן שטאַפל!**

**אין בלומינגראוו בלאזט א פאזיטיווע שטימונג פון עשי'! א גייסט פון התחדשות און ענערגיע! ויקם השדה תקומה היתה לה!**

עס גייט נישט פאראיבער קיין טאג, וואס עס ווערן נישט געטון וויכטיגע שריט צו העלפן און צעמענטירן דעם גליקליכן עתיד פון אונזער שטאט. עס גייט נישט פאראיבער קיין וואך, וואס עס ווערט נישט דורכגעפירט פרישע נאבעלע פעולות למען הכלל והפרט, צו געבן פאר אונז אלע תושבי העיר, א רואיגן צופרידענעם לעבנסשטייגער, מיט די ריכטיגע ערנסטקייט, געטריישאפט און תורה'דיגע הוראה, בסייעתא דשמיא.

אודאי פאסירט נישט אלעס גלייך אויפ'ן ארט. עס פארשטייט יעדער בר דעת אז א ווילעדזש וואו יעדע געזעץ איז געווען אויסגעשטעלט מיט א דירעקטן ציל צו ענג מאכן פאר די אידישע איינוואוינער, א ווילעדזש מיט אַן אינפעסטראקטור פון א דריטע וועלט לאנד, און א ווילעדזש וואס איז איינפאך געשלאפן אין א פאראליזירטע צושטאנד דורכאויס אלע יארן, קען נישט אלעס ווערן איבערגעדרייט און דורכגעפירט איבערנאכט.

זאכן נעמען נאטורליך אסאך צייט, אפטמאל אסאך מער צייט ווי מען קען זיך פארשטעלן. מען דארף דורכגיין צענדליגער שטאפלן ביז מען דערגרייכט רעזולטאטן, איבערהויפט ווען עס דארף ווערן גענומען אין באטראכט אלע לעגאלע קאנסקעווענצן און פאליטישע מאכנאוואציעס בהשכל ובדעת.

אבער דאס איז אמאל זיכער אז דער הערליכער צוקונפט פון בלומינגראוו איז היינט פאר יעדן קלאר, אלס אן עיר ואם בישראל, א "וועלט'ס - וואונדער" וואס ווערט באטראכט דורך אלע היימישע געגנטער מיט אפענע קנאה, וויאזוי מען לעבט אזוי שיין אלעם אינאיינעם, און וויאזוי יעדער איינוואוינער האט כסדר הנאה במישרין ובעיקיפין פון דעם געוואלדיגן כח הציבור, וואו יעדער "יחיד" איז א גלייכער טייל אין דעם געבענטשן "רבים", מיט דער באגלייטונג און ברכה פון די חשוב'ע רבני העיר שליט"א.

★ ★ ★

און דאס, טייערע אידן, איז טאקע אונזער ציל, אינערהאלב די "שטימע" רעדאקציע:

**צו ברענגען פאר'ן ציבור תושבי העיר די אקטועלע "אָפּדעיטס", די אנגייענדע פארשריט און אנטוויקלונגען, וועלכע שפילן זיך אפ ביי אונז אין דער שטאט. באגלייט מיט פרישע ארטיקלען און נייע קאלומס צו ערקלערן די דעטאלן און פרטים פון די וויכטיגע שתדלנות וואס ווערן געטון אויף פארשידענע צענטראלע פראנטן, מיר זאלן אלע קענען באגלייטן די שיינענדע הצלחה און מיטהאלטן די פילזייטיגע שריט, למען טובת בני העיר.**

מיר האפן אז איר וועט געניסן פון די פובליקאציעס, און געוויס קוקן מיר ארויס מיט האָפענונג און תפלה אַז מיר זאָלן האַנט-ביי-האַנט זוכה זיין צו זען הצלחה במעשי ידינו, באחדות ובשותפות פאַר'ן עתיד פון אונזער שטאט, לעשות חיל למענינו, למען דורותינו, עד ביאת הגואל!

★ ★ ★

# נאטיצן און באריכטן

מהנעשה והנשמע
אינערהאלב
"יו. דזשעי.סי."

שמחתי באומרים לי בית ה' נלך

# הונדערטער פרייליכע קינדער און צופרידענע עלטערן טרעטן אריין אין נייע געבענטשטע עפאכע פון סוקסעספולע טראנספארטאציע סערוויס







נאך אזויפיל לאנגע חדשים פון אומגעהויערע עגמת נפש און ליידן, אטעמען תושבי עירינו אָפּ מיט דערלייכטערונג און דאנקבארקייט אויף די געבענטשטע איניציאטיוו דורך "יו. דזשעי.סי."

מולטי - קאסטבארער אונטערנעמונג פון "מוסדות התורה והחינוך בלומינגראוו" באסעם ווערט באגריסט דורך אלעמען אלס גענים און לאנג - ערווארטעטע שריט וואס טוט אויסטערליש פארלייכטערן פאר תושבי בלומינגראוו און אונזערע ליכטיגע קינדערלעך

געלונגענע שטאַב פון היימישע דרייווער, קאארדינעטאר און באס רבי'ס/ טיטשערס, מיט פונקטליכע טיר – צו – טיר טראנספארטאציע ווערט אויסטערליש אויסגעלויבט מיט איר געטריישאפט און ערשט – קלאַסיגע סערוויס צו אלעמענס צופרידנהייט



פארגעשריטענע טרעקינג פאר'ן דיספעטשער מיטצוהאלטן לאקאציעס פון יעדע באס

# נייעס און אַפּדעיטס

## אינערהאלב די קארידארן פון דעם "ווילעדזש און סאוט בלומינגראוו"





## הצלה אמבולאנס פארקירט אין די ווילעדזש גאראדזש

### מעיאר קאלאדזש העלפט ארויס מיטן צושטעלן דאס פלאץ אז די אמבולאנס זאל קענען אפערירן אין די פראסטיגע שנייאיגע ווינטער

דער הצלה אמבולאנס איז געוועגליך פארקירט אינעם הויף פונעם סאטמארער ביהמ"ד אויף ראונאוק גאס, און קען נישט אפערירן אין די ווינטער ווען די אמבולאנס געפינט זיך אויף די גאס, עס האט זיך אין טייערע עלעקטארנישע עקוויפמענט וואס דארף זיך האלטן אויף א געוויסע טעמפראטור אזוי אויך דארף עס זיין איינגעשטעקט צו 'ריטזשארדזשען', בפרט ווען עס קומט צו די שנייאיגע טעג, איז כמעט אוממעגליך אן אמבולאנס זאל זיין אין דינסט ווען עס איז פארקירט אויף די גאס, דעריבער האט מעיאר קאלאדזש אנגעטראגן אז די ווילעדזש וועט אוועקגעבן פלאץ און די גראדאזשעס וואס געפינען זיך אינטער די ווילעדזש האלל צו פארקירן די אמבולאנסן אין די ווינטער טעג

### פלענער פאר פערמענאנטע הצלה גאראדזש אין בלומינגראוו רוקט זיך פאראויס בעז"ה

---



## העכסט געלונגענע ארבעט מיטן שארן ביים ערשטן שניי שטורעם

### ווילעדזש טראקס גייען איבער אלע גאסן און מאכן אן אויסגעצייכנטן ארבעט

### מעיאר קאלאדזש לייגט ספעציעלן דגוש ארום די בתי מדרשים אז מ'זאל קענען לייכטערהייט קומען און גיין פאר דרייווער און פיסגייער

צאלט זיך אויס די געטרייע ארבעט פון די יו.זשעי.סי. אין בעפארברייטונג פונעם שניי אז אלעם זאל קלאפן בעז"ה





## נייער קאלום בעז"ה אין קומענדיגן שטימע

# באקענט זיך מיט:

# דער ווילעדזש

## אין אירע אפטיילונגען

ווילעדזש באורד | ווילעדזש קלורק | ווילעדזש טרעזשורי
פלענינג באורד | זאונינג באורד | וואסער דעפארטמענט
סוער דעפארטמענט | בילדונג דעפארטמענט | א.א.וו.

וויאזוי ווערן אוועקגעשטעלט די דעפארטמענטס, אויפגאבעס, רעגולאציעס, פלענער אויפ'ן עתיד

פאר הערות און געדאנקן ביטע זיך פארבינדן מיט די רעדאקציע אויף:
BGVoice@UJCofBloomingGrove.org





# בלומינגראוו לעבט מיט לעכטיגע ימי אורה ביי הדלקת נר חנוכה בצילא דמהימנותא פון כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א

חסידים ואנשי מעשה, תושבי העיר אינאיינעם מיט הונדערטער אידן פון אומעטום, פולן אָן היכל בית המדרש ביי התרגשות'דיגער מעמד נשגב ווען דער צאנז זמיגראדער רבי שליט"א איז עומד ומדליק את הנרות מיט די הייליגע ניגונים ונוסחאות התפלה

**כ"ק אדמו"ר שליט"א וויילט אין שטאט אויף נאכפאלגענדן שב"ק פרשת מקץ, ווען די תפלות און דערהויבענע עריכת השלחנות, רעוא דרעוין און מלוה דמלכה ווערן אפגעראכטן מיט א חטיבה אחת פון התרוממות הנפש**




# בידהמ"ד און מקוה, שערי תפלה ריבניץ, א לייכט טורעם פאר די דועלק-סען עטאניע געגענט

**אין די נייע רוהיגע עפאכע אינערהאלב די ווילעדזש, נייער טויער ווערט געעפענט צו די גאס להרחבת הדעת פון די חשוב'ע מתפללים — הנהלת בית המדרש לייגט אריין גרויסע כוחות, און שטעלן אוועקן דעם שיינעם ווינקל, אליץ א מקום מוכשר פאר עבודת ה' — וחפץ ה' בידם הצליח למעלה מן המשוער**

# בַּעֲבוּרֵינוּ, אַל תִּמְנַע מָיִם!

## אן אקטועלן בליק ארום די אקטיוועטן אהערשטעלן ריינע וואסער אין אונזער שטאט

לאמיר מאכן א שטיקל סך הכל פון די פאריגע ארטיקל: וואס מיר זענען אריינגעקומען אין ווילעדזש, מיר האבן געזען אז ס'איז דא צוויי גרויסע וואסער פראבלעמען, איין פראבלעם איז אז ס'איז נישטא קיין אינוועטנארי, ס'איז נישטא גענוג וואסער די צווייטע פראבלעם איז אז ס'איז דא שמוציגע וואסער.

די אינוועטנארי פראבלעם קומט פשוט מחמת צוויי סיבות, איינס, די אלע קוועלער זענען אין זייער א נאכגעלאזטן צושטאנד, דאס איז איינס, והשנית, ווייל מען דרילט נישט נאך קוועלער, אין די לעצטע פאר יאר האט מען נישט צוגעלייגט נאך קוועלער.

נאכדעם איז דא די ריינקייט פראבלעם וואס דאס קומט אויך פון צוויי סיבות, איינס וואס ס'איז דא עכט קוועלער וואס האבן געוויסע מינעראלן און קעמיקעלס ווי אייזן און מאגיניזאום, אז דאס קומט זיך צוזאם ווערט עס שמוציג קען מען דאס נישט נוצן, סיי ס'האט א ברוינע קאליר און סיי ס'שמעקט נישט גוט, און ס'שפיט זיך אומבא'טעמט, און די צווייטע סיבה איז ווייל ס'איז דא אלטע וואסער אין סוער ליינס וואס דאס זאמלט אן א געוואלד מיט זאמד און שטיינדלעך און זאץ, און די פראבלעם פון די שמוציגע וואסער גייט מער און טיפער אז דאס מאכט פראבלעמען מיט די פילטער'ס און די אפלייענסעס וכו'.

דארט איז מען געבליבן פאריגעס מאל.

יעצט ברוך השם דער ציבור האט אריינגעוועלט נייע כוחות, און עס ב"ה דא א נייע עפאכע אינעם ווילעדזש, די ערשטע זאך וואס די נייע באהערדע האט זיך גענומען טון איז געווען לגבי דעם וואסער אינוועטנארי פראבלעם.

איז אזוי: מען האט גראד אנגעפאנגען איבערצוקוקן אלע אלטע קוועלער און זען וואס קען מען טון דא זיכער מאכן אז יעדע קוואל פאמפט ארויס די פול פאטענטשעל.

ס'איז דא א קוואל וואס הייסט ווע"ל נומבער 9, קוואל נומבער 9, דאס איז גראד קעגנאיבער די או. ענד אר. בילדינג וואס יענע קוואל פלעגט האבן א פאמפינג קעפסיטי פון 50 גאלאן פער מינוט, למעשה ווען ס'איז אריינגעקומען די נייע כוחות אין ווילעדזש האט די קוואל קוים געפאמפט ביי די 10-12 גאלאן פער מינוט, ברוך השם כהיום יום איז דא גוטע נייעס ביים דעם קוואל, **דער מעיאר מיט די באהערדע האבן זיך גראד אריינגעלייגט און מען האט זיך געלאזט קאסטן די נויטיגע אויסגאבן און מען האט איבערגעדרילט דעם גאנצן קוואל, אויסגעזויבערט, אויסגערייניגט און באפעסטיגט דעם קוואל, און די קוואל ב"ה פאמפט שוין צוריק ביי די 35-40 גאלאן פער טאג.**

אזוי ווי דאס איז א איבערגעארבעטע קוואל קען מען נישט גראד גיין צו פו"ל פאטענטשע"ל ווייל די פרעשור קען שעדיגן די פריש געגאסענע קאנקריט וואס איז דא אינעווייניג, טוט מען שטייטליך צוביסלעך ארויפברענגען די נומערן, און מ'וועט עס ארויפרוקן צו 50 גאלאן. און ב"ה עס רוקט זיך פאראויס און בעז"ה וועט מען צוקומען צום ציל.

נאכדעם האט מען געשריבן פאריגעס מאל פון נאך א קוואל וואס ליגט ממש הארט נעבן די ווילעדזש האל וואס יענע קוואל פאמפט ביי די 80 גאלאן א מינוט, אבער ס'ווערט פשוט נישט באנוצט ווייל ס'איז פול מיט אייזן און מאגיניזאום. דא דארף ארויסגעברענגט ווערן אונזער חשוב'ע געטרייער טראסטי ר' אברהם משה הכהן ווייס, וואס פון פאך אויס איז ער אן עקספערט אויף וואסער און וואסער פילטערישן מיט די אלע זאכן. האט מען געטון צוויי זאכן, איינס, די ווילדזש האט אנגעפאנגען אריינצוקוקן בנוגע וואס מען קען דא טון און וויפיל ס'דארף קאסטן צו ברענגען א סענ"ד פילטער, א זאמד פילטער וואס זאל פילטערן דאס וואסער.

והשנית, וואס מען טוט פון יעצט און ווייטער איז ר' אברהם משה האט גענומען וואסער סעמפלס און ארויסגעשיקט צו קרוב צו 10 פארשידענע קאמפאניס וואס טוען אין וואסער פילטעריש"ן, האט מען גענומען וואסער סעמפל'ס פון דארטן און מען האט עס ארומגעשיקט יעצט פאר די חגאות צו פילע גרויסע וואסער קאמפאניס איבער די יונייטעד סטעיטס, זיי זאלן באטראכטן און באקוקן די סעמפל'ס אין זייערע לאבאראטאריעס און זיי זאלן אויפקומען מיט'ן פאסיגן סעלושען וואס ס'קען געטון ווערן אז ס'זאל נישט קאסטן איבער א מיליאן דאלאר אזוי ווי ס'קאסט די מעריוואל"ד פילטערישען פלענס.

ר' אברהם משה געט איבער אז ס'איז זיכער דא סעלושענ"ס וואס דארף קאסטן אונטער הונדערט טויזנט דאלאר וואס מען קען א דאנק דעם נאכדעם מאכן דעם קוואל אין באנוץ. ס'איז אוודאי ס'איז א זאך וואס געשעט נישט איבערנאכט, די קאמפאניס דארפן לויפן מערערע טעסטס אויף די אלע וואסער סעמפלס, און קען זיין מען וועט דארפן האבן נאך וואסער סעמפלס, אבער דאס איז א זאך וואס דאס איז אין די פראסעס און מען ארבעט דערויף און מיר האפן בקרוב וועט זיין פרישע נייעס.

בנוגע די מעריוואלד פילטעריש"ן פלענ"ט. די מעריוואלד פילטעריש"ן פלענ"ט האט אפגעקאסט א הימל שרייענדע, לערך 1.6 מיליאן דאלאר, פאר א פאמפ וואס געט אינגאנצן ארויס, די פו"ל פאטענטש"ל פון דעם פאמפ איז אינגאנצן 35 גאלאן א מינוט, וואס דאס אונז אגב צייגן וואו אומבאלומפערט די ביז יעצטיגע אדמינסטראציע איז געווען, אז זיי וואלטן ווען דעם סיסטעם געדארפט נוצן פאר דעם פאמפ וואס איז נעבן ווילעדזש, נישט אויפ'ן קוואל פון מענזשען ראוד, והשנית, דער פראיעקט איז פארשלעפט אין פילצאליגע פארשפעטיגונגען און שלעפערייען, פשוט ווייל דער דיל איז געווען א לויזער פעלערהאפטיגער דיעל, אויסגעארבעט דורך די פאריגע ווילעדזש אדמיניסטראציע ווי מען האט בכלל נישט געקוקט אויף קיין קאמפערעטיוו עדזש און אויף קיין טיים פרעימס, עד כדי כך אז די גאנצע פראדזשעקט האט שוין געדארפט זיין פארטיג אנפאנג נאוועמבער, למעשה זאגט די קאמפאני יעצט אז ס'גייט נישט זיין פארטיג פאר סוף פעברואר, און ס'האלט שוין אויף א פוינט אז מעיאר קאלאדזש איז שוין אריין אין א שטיקל געפעכט מיט יענע קאמפאני, אז טאמער וועט עס נישט זיין פארטיג, טאמער גייען זיי עס שטיפן נאכאמאל, גייט מען עס אנפאנגען צו פיינעלייזן און מען וועט זיי נישט באצאלן דאס געלט וואס מען קומט זיי, פשוט ווייל זיי זוכן צו שלעפן צייט און דזשאס"ט סטעק"ן בילס, ווייל ס'איז דא אסאך פון די ארבעט דארטן ווערט באצאלט אויף די שעה.

אי"ה אין די קומענדיגע אויסגאבע וועט ווערן געמאלדן די פעולות וואס מען טוט צו פארמערן נאך וואסער, ריסאָרסער"ס, נאך וואסער קוועלער, און בנוגע די מהלך פון פארמערן וואסער קוועלער וואס זענען, סיי האבן גענוג אינוועטנארי און סיי האבן נישט דעם פראבלעם אז ס'איז שמוציג, נאר מען רעדט פון קריסטאל קלארע ריינע וואסער קוועלער.

שִׂמְחוּ בַּה' וְגִילוּ צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל יִשְׁרֵי לֵב:

# חסידים ואנשי מעשה פרייען זיך ביי דערהויבענע ימי שמחה בחצר זאבליטוב

## אוֹר זָרֻעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה: פילצאליגע משפחות תושבי העיר, מתפללי ביהמ"ד וידידי בית זאבליטוב, באטייליגן זיך ביי פרעכטיגער "שבת אויפרוף", שב"ק פרשת ויצא אין דער שטאט וויליאמסבורג

**יַעְלְזוּ חֲסִידִים בְּכָבוֹד; שמחת החתונה הגדולה פון החתן פרע"ח שליט"א, בן כ"ק אדמו"ר מזאבליטוב שליט"א, עב"ג בת הרה"ג ר' חיים משה רוקח שליט"א אבד"ק יערסלאוו, אפגעראכטן ברוב פאר והדר, דאנערשטאג וישלח, אור ליום ח"י כסלו, בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל**



בטוב צדיקים תעלוץ קריה: פאסיגע אויפשריפטן און טאוולן צו די שמחה בבית צדיקים לעבן אויף די גאסן פון בלומינגראוו





קול רנה וישועה באהלי צדיקים

# תושבי העיר פרייען זיך מיט בשמחת הגה"צ אב"ד סאטמאר בלומינגראוו שליט"א

**שמחת אירוסי בנו החתן הרב אלעזר שליט"א למזל טוב**

# הדלקת נר חנוכה, דורך כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א אין היכל הישיבה גדולה

**פירסומי ניסא: ציבור תושבי העיר באטייליגן זיך ביי הדלקת נר חנוכה בהיכל הישיבה — מרבה ישיבה: הצלחה פון די וויזניצער ישיבה גדולה ברענגט א שיין פאר די גאנצע שטאט**



CONG.
KHAL TORATH CHAIM
OF VIZNITZ

קהל
תורת חיים וויזניץ
וויליאמסבורג

6 Lee Avenue • Brooklyn N. Y. 11211 • 718.387.9504

בס"ד

**מודעה**

הננו להודיע בזה שאי"ה
ביום ד' פ' מקץ ז' דחנוכה הבעל"ט
ידליק כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
נרות חנוכה בישיבתינו הק'
ישיבה גדולה תורת מרדכי

# ברכת מזל טוב

## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

**כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א**
לרגל הולדת נכדתו

**אצל נכדו הרב ברוך האלברשטאם הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט
ולרגל הכנסת נכדו לעהתומ"צ
אצל חתנו הרה"ג אב"ד טעיטש שליט"א

**הגה"צ רבי יואל האלברשטאם שליט"א**
אב"ד קיט"ל סאטמאר
לרגל אירוסי בנו למז"ט

**הגה"צ מוה"ר אפרים צבי שמילאוויטש שליט"א**
אב"ד קרעמניץ
לרגל הולדת נכדו למז"ט

**הרה"צ מוה"ר יושע מרדכי לייפער שליט"א**
אב"ד באניע נאדבורנא
לרגל הולדת נכדו למז"ט

**כ"ק אדמו"ר מזאבליטוב שליט"א**
לרגל נישואי בנו למז"ט

**הרב שאול יודא מענדלאוויטש הי"ו**
לרגל נישואי בתו והולדת נכדו למז"ט

**הרב דוב בער מרגליות שליט"א**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**מוה"ר לייבל הערשקאוויטש הי"ו**
משמש ביהמ"ד זמיגראד
לרגל אירוסי בנו למז"ט

**הרב דוב פרענקל הי"ו**
ביהמ"ד פוזנא
לרגל הולדת בתו למז"ט

**מוה"ר שמעון ישראל פאזען הי"ו**
לרגל הולדת נכדו למז"ט

**מוה"ר יצחק דניאל ג'ברא הי"ו**
לרגל הולדת נכדתו הי"ו

**מוה"ר אברהם משה ווייס הי"ו**
לרגל הכנסת נכדו לעוהתומ"צ

**מוה"ר חיים ברוך גאטהערער הי"ו**
לרגל אירוסי נכדו למז"ט

**מוה"ר יוסף סאנדל הי"ו**
לרגל נישואי בנו למז"ט

**מוה"ר יעקב טייטלבוים הי"ו**
לרגל נישואי בנו למז"ט

**מוה"ר זלמן לייב טייטלבוים הי"ו**
לרגל נישואי בנו למז"ט

**מוה"ר אליעזר יחזקאל שרגא ווייס הי"ו**
לרגל נישואי בנו למז"ט

**מוה"ר שמואל בנימין הכהן פריעדמאן הי"ו**
לרגל נישואי בנו למז"ט

**מוה"ר שלום שלמה שווארטץ הי"ו**
לרגל נישואי בנו למז"ט

**מוה"ר שמעון גערטנער הי"ו**
לרגל נישואי בתו למז"ט

**מוה"ר משה סג"ל קרויס הי"ו**
לרגל נישואי בתו למז"ט

**מוה"ר שמעון גערטנער הי"ו**
לרגל נישואי בתו למז"ט

**מוה"ר יואל יאקאבאוויטש הי"ו**
לרגל נישואיו למז"ט

**מוה"ר יצחק האללענדער הי"ו**
לרגל נישואיו למז"ט

**מוה"ר יואל ברי"ב זילבערשטיין הי"ו**
לרגל אירוסי בנו למז"ט

**מוה"ר יוסף גאטהערער הי"ו**
לרגל אירוסי בנו למז"ט

**מוה"ר חיים ארי' שווארץ הי"ו**
לרגל אירוסי בתו למז"ט

**מוה"ר עמרם נתן פעלבערבוים הי"ו**
לרגל אירוסי בתו למז"ט

**מוה"ר שלמה אפפעל הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**מוה"ר יואל יוסף שטעסל הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

**מוה"ר ישראל קעללער הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

**מוה"ר יואל שעהר הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**מוה"ר יצחק אביש הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**מוה"ר אפרים הערשקאוויטש הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

**מוה"ר אשר אנשיל עקשטיין הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**מוה"ר צבי אלימלך שמילאוויטש הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**מוה"ר מרדכי יואל אונגאר הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**מוה"ר אהרן יוסף פריעדמאן הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**מוה"ר יצחק הורוויץ הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**הרב אברהם יצחק שמילאוויטש הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**הרב מאיר שמילאוויטש הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**מוה"ר זלמן לייב בערקאוויטש הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**מוה"ר ישעי' בר"י הירש הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**מוה"ר יוסף ברייער הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**מוה"ר יואל זילבערשטיין הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**מוה"ר ברוך גוטמאן ה"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**מוה"ר יעקב אלימלך אייזנבערג הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**מוה"ר שמואל פאזען הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**מוה"ר אברהם שלמה האלפערט הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**מוה"ר יחזקאל שרגא מערץ הי"ו**
לרגל הולדת בתו ותגלחת בנו למז"ט

**מוה"ר משה פישער הי"ו**
לרגל תגלחת בנו למז"ט

**מוה"ר שלמה גרינבוים הי"ו**
לרגל תגלחת בנו למז"ט

**מוה"ר אברהם אבא גרינהוט למז"ט**
לרגל תגלחת בנו למז"ט

יזכו כולם לראות רב נחת וכל טוב סלה!